ב"ה

# אין ליכט
# פון תורה

ספר

# אגרת הרמב"ן

# 2

לשון הקודש ואידיש

**576**

הוצאת אמונה
ברוקלין נוא יארק,
שנת תשנ"ט לפ"ק

בעזהשי"ת

ספר

# אגרת מוסר מהרמב"ן

זצוקללה"ה

בלשון הקודש ואידיש

❖

נדפס בחק לישראל סוף פרשת תולדות

❖

יוצא לאור על ידי

הוצאת אמונה - ברוקלין יצ"ו

# אגרת מוסר מרמב"ן

מה שכתב לבנו על הענוה ויראת שמים וצוה שיקראה תמיד וילמדה גם לאחרים תמיד למען תהיה רגילה על פיהם. ובישר כי ביום שיקרא איש זאת האגרת יענוהו מן השמים כל מה שישאל, לכן טוב לאומרה בכל יום. נדפס ראשונה במנטובה שנת שפ"ג:

**שמע** בני מוסר אביך ואל תטוש תורת אמך, תתנהג תמיד לדבר כל דבריך בנחת לכל אדם ובכל עת, ובזה תנצל מן הכעס שהיא מדה רעה להחטיא בני אדם, וכן אמרו רבותינו ז"ל, כל הכועס כל מיני גיהנם שולטין בו, שנאמר והסר כעס מלבך, והעבר רעה מבשרך, ואין רעה אלא גיהנם, שנאמר וגם רשע ליום רעה, וכאשר תנצל מן הכעס תעלה על לבך מדת הענוה שהיא מדת טובה מכל המדות טובות, שנאמר עקב ענוה יראת ה', ובעבור הענוה תעלה על לבך מדת היראה כי תתן אל לבך תמיד מאין באת, ולאן אתה הולך, שאתה רמה ותולעה בחייך, ואף כי במותך, ולפני מי אתה עתיד ליתן דין וחשבון לפני מלך הכבוד, שנאמר הנה השמים ושמי השמים לא יכלכלוך. אף כי לבות בני אדם, ונאמר הלא את השמים ואת הארץ אני מלא נאם ה', וכאשר

---

# אגרת מוסר מרמב"ן

דאס איז דער בריף וואס דער רמב"ן ז"ל האט געשריבן צו זיין זוהן מוסר וועגן ענוות און יראת שמים (וואס א מענש דארף זיין ביא זיך נידעריג און מורא, האבען פאר גאט), דער רמב"ן ז"ל האט געבאטען זיין זוהן ער זאל שטענדיג ליינען דעם בריף, און זאל לערנען דעם בריף מיט אנדערע מענטשן אויך, ביז זיי וועלען קענען זאגען דעם בריף אויסוועניג. דער רמב"ן ז"ל האט גזאגט וועלכער מענטש עס וועט ליינען דעם בריף וועט מען איהם דעם טאג ענטפערן פון הימעל אויף אלץ וואס ער וועט וועלין און פארלאנגען, דריבער איז גוט אז יעדער מענטש זאל אלע טאג זאגין דעם בריף. און ווייל מיר ווילען יעדער מענטש זאל זוכה זיין וואס דער רמב"ן ז"ל וואט איהם צו גזאגט, דריבער האבען מיר דעם בריף געשריבען אויף עברי-טייטש יעדער מענטש זאל וויסען וואס דער בריף שרייבט און זאל מקיים זיין וואס דער רמב"ן ז"ל האט געשריבען:

**שמע** בני מוסר אביך. הער מיין זוהן דעם מוסר (דיא שטראף-רייד) פון דיין פאטער און זאלסט ניט פארלאזען די לערנונג פון דיין מוטער. דיין שטענדיגער פירונג זאל זיין, דו זאלסט ריידען דיינע אלע רייד פאמעליך, צו יעדער מענטש און צו יעדער צייט, און דורך דעם וועסטו גרעטעט ווערען פון כעס. ווארום כעס איז א שלעכטע מדה, און כעס ברייגנט דעם מענטש צום זינדיגען. די רבנן האבען אויך אזוי גזאגט, דער מענטש וואס איז א כעסן געוועלטיגען אויף איהם אלע מינים גיהנם, וויא עס שטייט אין פסוק דוא זאלסט אפ-טאהן כעס פון דיין הארצען וועסט דו אפ-טאהן שלעכטס פון דיין לייב. און שלעכטס מיינט מען דעם גיהנם, ווי עס שטייט אין פסוק דעם רשע האט גאט בשאפען צום שלעכטען טאג פון גיהנם (אין גיהנם וועט דער רשע אפנעמען זיין שטראף). און אז דיא וועסט גרעטעט ווערין פון כעס. דאמאלס וועט אריינקומען אין דיין הארצען די מדה פון ענוה (וועסט דוא ביא זיך נידעריג ווערע). אז דער מענש איז ביי זיך נידעריג, איז דאס דיא בעסטע מדה פון אלע גוטע מדות, וויא עס שטייט אין פסוק עֵקֶב עֲנָוָה יִרְאַת יְיָ נאך ענוה קומט דיא מורא פון גאט, ווייל דוא וועסט זיין ביי זיך נידעריג וועסט דוא דיר אריין נעמען אין הארצען דיא מדה פון מורא האבען פאר גאט. ווארום דו וועסט שטענדיג טראכטין אין הארצען פון וואנען דוא ביזט געקומען (אויף דער וועלט) און וואהין דוא וועסט גיין ווען דוא וועסט אוועק גיין פון דער וועלט, ווען די לעבסט נאך אויף דער וועלט ביזט דו ניט מעהר גרעכענט נאר ווי אווארעם, און נאך דיין שטארבען (וועסט דוא ליגען אין דער ערד צוזאמען מיט אלע ווערים) און דו וועסט דיר בע-טראכטען פאר וועמען דוא וועסט דארפען געבין דין און חשבון (אויף אלע זאכען וואס דוא האסט גטאהן אויף דער וועלט), פאר הקדוש ברוך הוא וואס ער איז דער מלך פון כבוד (וואס דיא גאנצע וועלט דארפען איהם געבין כבוד), וויא עס שטייט אין פסוק שלמה המלך האט גזאגט פאר גאט אלע הימלען קענען ניט פארנעבען דיין כבוד, די הערצער פון די מענטשין קענען געווים ניט פאר-נעמען דיין כבוד, נאך זאגט דער פסוק גאט האט גזאגט איך בין פוהל אויף דעם הימעל און אויף

# אגרת הרמב״ן

תחשוב את כל אלה תירא מבוראך ותשמור את עצמך מן החטא, ובמדות האלה ותהיה שמח בחלקך, וכאשר תתנהג במדת הענוה להתבושש מכל אדם ולהתפחד ממנו ומן החטא, אז תשרה עליך רוח השכינה וזיו כבודה וחיי העולם הבא, ועתה בני דע וראה כי המתגאה בלבו על הבריות מורד הוא במלכות שמים, כי מתפאר הוא בלבוש מלכות שמים, שנאמר ה׳ מלך גאות לבש וגו׳. ובמה יתגאה לב האדם, אם בעושר, ה׳ מוריש ומעשיר, ואם בכבוד, הלא לאלהים הוא, שנאמר והעושר והכבוד מלפניך, ואיך מתפאר בכבוד קונו, ואם מתפאר בחכמה, מסיר שפה לנאמנים וטעם זקנים יקח, נמצא הכל שוה לפני המקום, כי באפו משפיל גאים וברצונו מגביה שפלים, לכן השפל עצמך וינשאך המקום. על כן אפרש לך איך תתנהג במדת הענוה ללכת בה תמיד, כל דבריך יהיו בנחת, וראשך כפוף, ועיניך יביטו למטה לארץ ולבך למעלה, ואל תביט בפני אדם בדברך עמו, וכל אדם יהיה גדול ממך בעיניך, ואם חכם או עשיר הוא, עליך לכבדו, ואם רש הוא, ואתה עשיר או חכם ממנו, חשוב בלבך כי אתה חייב ממנו, והוא זכאי ממך, שאם הוא חוטא, הוא שוגג ואתה מזיד. בכל דבריך ומעשיך ומחשבותיך ובכל עת חשוב בלבך כאלו אתה עומד לפני

---

די ערד, אונ אז דו וועסט בטראכטן דיא אלע זאכן וועסט דו מורא האבן פאר דיין בשעפער אונ דו וועסט זיך היטן פון צו זינדיגן, אונ אז דו וועסט האבן אין זיך די מדות, וועסט דו זיין פריילך מיט דיין חלק (מיט וויפיל גאט האט דיר געגעבן), אונ אז דו וועסט זיך פירן מיט נידעריגקייט, דו זאלסט זיך שעמען פאר אלע מענטשן (ווייל דו וועסט רעכענען אז אלע מענטשן זענען בעסער אונ פרימער פון דיר) אונ דו וועסט מורא האבן פאר גאט אונ וועסט מורא האבן צו זינדיגן, דאמאלס וועט אויף דיר רוהען די שכינה, אונ דיא שיינקייט פון כבוד השכינה וועט רוהען אויף דיר, אונ וועסט לעבן צו עולם הבא, אונ איצט מיין זוהן הערט מיט דיין פארשטאנד אונ זעה מיט דיינע אויגן דער מענטש וואס איז גרויס ביי זיך אין הארצען, אונ טראכט אז ער איז גרעסער פון אנדערע מענטשן זינדיגט ער געגן דיא מלוכה פון גאט, ווארום ער בערימט זיך מיט דאס קלייד וואס גאט האט אנגעקליידעט ווען עס האט זיך אנגעהויבן זיין מלוכה אויף דער וועלט, ווי עס שטייט אין פסוק ווען גאט האט געקיניגט אויף דער וועלט האט ער זיך געקליידעט מיט גרויסקייט. אונ מיט וואס זאל דיא הארץ פון מענטשן ביי זיך גרויס זיין, אויב מיט זיין רייכקייט, גאט מאכט ארעם אונ רייך, אויב מיט דעם כבוד וואס מענטשן גיבן איהם. כבוד געהער צו גאט, ווי עס שטייט אין פסוק דוד המלך האט געזאגט צו גאט. רייכקייט אונ כבוד איז פאר דיר. ווי אזוי קען א מענטש זיך גרויס האלטען אונ בעריהמען מיט דעם כבוד וואס עס געהער צו גאט, אונ אויב ער וועט זיך בעריהמען מיט זיין חכמה. גאט קען צו נעמען דיא שפראכע פון די מענטשן וואס ריידען, אונ ער קען אוועק נעמען די עצות פון דיא אלטע לייט, זעה מיר אז אלע מענטשן זענען ביי גאט גלייך, מיט זיין כעס ערנידעריגט ער דיא מענטשן וואס זענען בייא זיך גרויס, אונ מיט זיין ווילען הייבט ער אויף דיא מענטשן וואס זענען בייא זיך נידעריג. דריבער זאלסט דו דיך אליין מאהל דערנידעריגן וועט גאט דיך אויפהייבן. דריבער וועל איך דיר זאגן ווי אזוי דיין פיהרונג זאל זיין מיט דיין נידעריגקייט, אונ זאלסט שטענדיג גיין מיט דעם פיהרונג. דיינע אלע רייד וואס דו וועסט ריידען מיט מענטשן זאל זיין מיט אנגענעמע שטיממע. דיין קאפ זאלסט דו האלטן אראפגעבויגן, דיינע אויגן זאלן קוקן אונטען צו די ערד, אונ דיין הארץ זאל טראכטן אויבען צו גאט, אונ ווען דו וועסט ריידען צו א מענטש זאלסט דו ניט קוקן אויף זיין פנים (אום צו ערגערן איהם), אונ זאלסט טראכטן אז יעדער מענטש איז גרעסער פון דיר, אויב דו האסט דיך בגעגנט מיט א מענטש וואס איז א חכם אדער א רייכער דארפסט דו איהם געבן כבוד, אונ אויב דער מענטש איז ארעם אונ דו ביזט רייך אדער דו ביזט קליגער פון איהם, זאלסט דו טראכטן אין הארצען דו ביזט מעהר שולדיג צו גאט ווי ער, אונ ער איז מעהר צדיק פון דיר (ווארום אז ער האט געזינדיגט האט ער דאס געטאהן אומגעוויסן. אונ דו האסט געזינדיגט מוטהווילינג. ביי דיינע אלע רייד וואס דו וועסט ריידען, אונ בייא אלץ וואס דיא וועסט טוהן אונ ביי אלץ וואס דו

# אגרת הרמב"ן

קודשא בריך הוא ושכינתו עליך, כי כבודו מלא העולם, ודבריך יהיו באימה וביראה כעבד לפני רבו ותתבייש מכל אדם, ואם יקראך איש אל תעננו בקול רם רק בנחת כעבד העומד לפני רבו, והוי זהיר לקרות בתורה תמיד אשר תוכל לקיימה, וכאשר תקום מן הספר, תחפש באשר למדת אם יש בו דבר אשר תוכל לקיימו, ותפשפש במעשיך בבקר ובערב, ובזה יהיו כל ימיך בתשובה, והסר כל דברי העולם מלבך בעת התפלה, והכן לבך לפני המקום ברוך הוא, וטהר רעיוניך, וחשוב הדבור קודם שתוציאנו מפיך, וכן תעשה כל ימי חיי הבלך בכל דבר ודבר ולא תחטא. ובזה יהיו דבריך ומעשיך ומחשבותיך ישרים, ותפלתך תהיה זכה וברה ונקיה, ומכוונת ומקובלת לפני המקום ברוך הוא, שנאמר תכין לבם תקשיב אזנך. תקרא האגרת הזאת פעם אחת בשבוע, ולא תפחות לקיימה, וללכת בה תמיד אחר השם יתברך, למען תצליח בכל דרכיך, ותזכה לעולם הבא הצפון לצדיקים, ובכל יום שתקראנה, יענוך מן השמים, כאשר יעלה על לבך לשאול עד עולם, אמן סלה:

---

טראכטן, און צו יעדער צייט, זאלסט דו טראכטן אין הארצן גלייך דו וואלסט געשטאנען פאר הקדוש ברוך הוא און זיין שכינה איז אויף דיר, ווארום דער כבוד פון גאט איז פול די גאנצע וועלט. דיינע רייד זאלען זיין מיט מורא, אזוי וויא א קנעכט וואס שטייט פאר זיין העור, און דו זאלסט דיך שעמען פאר אלע מענטשן, און אויב א מענטש וועט דיך רופען, זאלסט דו איהם ניט ענטפערן מיט א הויכע שטימע, נאר פאמעלאך אזוי וויא א קנעכט וואס שטייט פאר זיין העדר און דו זאלסט זיין געהיט צו לערנען שטענדיג אזעלכע תורה וואס דו קענסט מקיים זיין (שלחן ערוך), און אז דו וועסט לערנען אנדערע ספרים (אויסער שלחן ערוך) און דו וועסט אויפשטיין פון ספר אוועק צו גיין זאלסט דו זוכען אין די זאכען וואס דו האסט געלערנט, טאמער איז דא א זאך וואס דו קענסט שוין מקיים זיין, און אלע פריה־מארגען זאלסט דו בעטראכטען די זאכען וואס דו האסט געטאהן ביינאכט, און ביינאכט זאלסט דו בטראכטען די זאכען וואס דו האסט געטאהן דעם גאנצען טאג, און טאמער איז דא א זאך וואס מען דארף אויף דעם טאהן תשובה, זאלסט דו באלד טאהן תשובה, און אז דו וועסט אזוי טאהן, וועסט דו אייביג טאהן תשובה, און וועסט אויף דיך קיין זינד האבען. און ווען דו וועסט דאווענען, זאלסט דו אפ טאהן פון זיך אלע וועלטליכע זאכען, און זאלסט אנגרייטען די טראכטונג פון דיין הארץ צו הקדוש ברוך הוא, און זאלסט ריין מאכען דיינע געדאנקען פון וועלט זאכען, און איידער דו וועסט ארויס ריידען א ווארט פון דיין מויל זאלסט פריהער טראכטען אויב דו זאלסט דעם ווארט ריידען, און אזוי זאלסטו טאהן די גאנצע צייט וואס דו וועסט לעבען אויף דער וועלט דאס נארעשע לעבען ביי יעדער זאך זאלסט דו פריהער טראכטען אויב דו זאלסט די זאך ריידען אדער ניין, אויב דו זאלסט די זאך טאהן אדער ניין) וועסט דו ניט זינדיגען. און אז דו וועסט אזוי טאהן וועלין זיין גלייך דיינע אלע רייד, און אלץ וואס דו וועסט טאהן, און אלץ וואס דו וועסט טראכטען וועט זיין גלייך. און דיין תפלה וועט זיין ריין און קלאהר, מיט גוטע כונות, און זיא וועט זיין אנגענומען פאר גאט, וויא עס שטייט אין פסוק דו טוהסט אנבערייטען זייער הארץ צו דיר, און דיינע אויערין פארנעמען זייער תפלה.

דעם בריף זאלסט דו לייענען איין מאהל אין וואך, און זאלסט ניט מינערין פון צו מקיים זיין וואס אין דעם בריף שטייט, און זאלסט אייביג גיין דיינע וועגין נאך דעם גבאט פון הקדוש ברוך הוא, וועסט דו בגליקען אין דיינע אלע וועגין. און וועסט זוכה זיין האבען עולם הבא וואס איז בעהאלטען פאר דיא צדיקים, און יעדער טאג וואס דו וועסט לייענען דעם בריף וועט מען דיר ענטפערן פון הימעל אלץ וואס דיין הארץ וועט נאר פארלאנגען, ביז אייביג. אמן סלה:

---